28 אַ יבשה; האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט דאָס זינקבליי
און געפֿונען צוואַנציק קלאַפֿטער (טיף); זענען
אַביסל ווייטער געפֿאָרן און ווידער געזונקען דאָס
בליי, און האָבן געפֿונען פֿופֿצן קלאַפֿטער (טיף).
29 און מורא האָבנדיק, מיר זאָלן נישט פֿאַלן אויף
פֿעלזיקע ערטער, האָבן זיי אַרויסגעוואָרפֿן פֿיר
אַנקערס פֿון דעם הינטערטייל פֿון דער שיף, און
30 תּפֿילה געטון, אַז עס זאָל (שוין) ווערן טאָג. נאָר
ווי די שיפֿסלייט האָבן געזוכט צו אַנטלויפֿן
פֿון דער שיף, און האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט
דאָס (רעטונגס) שיפֿל אונטערן אויסרייד, אַז זיי
גייען אַראָפּלאָזן אַנקערס פֿון דעם פֿאָדערטייל,
31 האָט פּױלוס געזאָגט צום אָפֿיציר און צו די זעלנער:
אויב די דאָזיקע וועלן נישט איבערבלייבן אויף
דער שיף, קענט איר נישט געראַטעוועט ווערן.
32 האָבן די זעלנער דעמלט אָפּגעהאַקט די שטריק
33 פֿונם שיפֿל, און עס געלאָזט אַראָפּפֿאַלן. נאָר ביז
עס וועט נישט ווערן טאָג, האָט פּױלוס אַלעמען
געבעטן, צו נעמען עפּעס עסן, זאָגנדיק: היינט
איז (שוין) דער פֿערצנטער טאָג ווי איר וואַרט
אומגעגעסן, און האָט גאָרנישט טועם געווען.
34 דערפֿאַר בעט איך אײַך, צו נעמען שפּײַז, ווײַל
דאָס דאָזיקע האָט צו טון מיט אײַער רעטונג;
וואָרום קיינעם פֿון אײַך וועט קיין איין האָר פֿונם
35 קאָפּ נישט פֿאַרלוירן ווערן. און האָבנדיק דאָס
געזאָגט, האָט ער גענומען ברויט, און געדאַנקט
ג־ט פֿאַר אַלעמען; און האָט עס צעבראָכן, און
36 אָנגעהויבן עסן. און אַלע האָבן זיך געשטאַרקט,
37 און אויך גענומען שפּײַז. און מיר אַלע אין
דער שיף זענען געווען צוויי הונדערט און זעקס
38 און זיבעציק נפֿשות. און נאָך דעם ווי זיי האָבן